**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 10/25/2023 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול שרייבט אונטער בילס צו שטיצן היים אייגנטימער אין 'מאביל היים פארקס'**

***ביל S.5881-A/A.5549-A פארברייטערט די רעכטן פון היים אייגנטימער צו האבן די ערשטע רעכט צו אפקויפן 'מאביל היים פארקס' ווען אימער די אייגנטימער פון די מאביל היים פארקס טראכטן פון פארקויפן די פארק***

***ביל S.7541/A.7403-A אויטאריזירט די ניו יארק סטעיט מארטגעדזש אגענטור צו קויפן מארטגעדזשעס און אפפערן 'מארטגעדזש פּול אינשורענס' פאר צוזאמגעשטעלטע און מאביל הייזער***

***ביל S.7381/A.7422 ברענגט דעם ניו יארק סטעיט געזעץ צו זיין מער אין איינשטימונג מיט דעם פעדעראלן געזעץ אין באציאונג צו ציווילע קנסות ארום מאביל היימער***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אונטערגעשריבן בילס צו שטיצן היים אייגנטימער אין 'מאביל היים פארקס' (שטחים מיט אויסגעלייגטע מאביל הייזער), א קריטישע סארט אפּאָרדעבעל האוזינג פאר איינוואוינער אין ניו יארק סטעיט, באזונדערס אין אפסטעיט און אין שטעטלישע געגנטער. ביל S.5881-A/A.5549-A פארברייטערט די רעכטן וואס היים אייגנטימער האבן יעצט צו קענען זיין די ערשטע צו אפקויפן מאביל היים פארקס ווען אימער די אייגנטימער פון די מאביל היים פארקס מאכן אפפערס צו פארקויפן אדער ענטפערן אויף אפפערס צו אפקויפן די פארק. ביל S.7541/A.7403-A אויטאריזירט די ניו יארק סטעיט מארטגעדזש אגענטור צו קויפן מארטגעדזשעס און אפפערן 'מארטגעדזש פּול אינשורענס' פאר צוזאמגעשטעלטע און מאביל הייזער. ביל S.7381/A.7422 ברענגט דעם ניו יארק סטעיט געזעץ צו זיין מער אין איינשטימונג מיט דעם פעדעראלן געזעץ אין באציאונג צו ציווילע קנסות ארום מאביל הייזער.

"די רייע בילס זענען אונזער סטעיט'ס לעצטע מיטל צו שטיצן ניו יארקער אין מאביל היים פארקס – א וויכטיגע מקור פון אפּאָרדעבעל האוזינג אין אונזער סטעיט", **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "דורכן פארברייטערן די מצבים ווען היים אייגנטימער אין מאביל היים פארקס האבן די ערשטע רעכט צו אפקויפן די פארקס, דורכן אויטאריזירן מארטגעדזשעס און מארטגעדזש פּול אינשורענס פאר צוזאמגעשטעלטע און מאביל היימער און דורכן מאכן אונזער געזעצליכע שפראך מער אין איינקלאנג מיט פעדעראלע פראגראמען, העלפן מיר פארשטערקערן ניו יארקע קאמיוניטיס און מיר זענען פאר צו צושטעלן פאר ניו יארקער זיכערע, סטאבילע און אפּאָרדעבעל היימער. איך באדאנק די ביל ספאנסארס פאר זייער צוזאמענארבעט אין שטיצע פון די קריטישע וועג צו אפּאָרדעבעל היים אייגנטומערשאפט פאר צאללאזע ניו יארקע פאמיליעס."

ביל S.5881-A/A.5549-A פארברייטערט די רעכטן וואס היים אייגנטימער (די אייגנטימער פון די מאבילס) האבן יעצט צו קענען זיין די ערשטע צו אפקויפן מאביל היים פארקס ווען אימער די אייגנטימער

פון די מאביל היים פארקס (דהיינו, די אייגנטימער פון די שטח) מאכן אפפערס צו פארקויפן אדער ענטפערן אויף אפפערס צו אפקויפן די פארק. אונטער דעם פאריגן סטעיט געזעץ, האבן היים אייגנטימער אין מאביל היים פארקס נאר געהאט די רעכט ווען דער קונה פון די מאביל היים פארקס האט קלאר געמאכט אז זיי האבן בכוונה צו נוצן די שטח פאר אן אנדערע צוועק.

די ביל פארלאנגט אויך אז די מאביל היים אייגנטימער זאלן איינמעלדן פאר די אייגנטימער פון די מאביל היים פארקס ביז 60 טעג אויב זיי פלאנירן צו מאכן אן אייגענע אפפער צו אפקויפן די פארק, און עס פארלאנגט אז היים אייגנטימער זאלן מאכן די למעשה'דיגע אפפער ביז 140 טעג. די ביל וועט העלפן די היים אייגנטימער אין מאביל היים פארקס היטן אויף זייערע אפאָרדעבעל קאמיוניטיס אן סתם ארומשלעפן מיט אינוועסטירונגען אין מאביל היים פארקס אין פעלער ווען קיינער פלאנירט בכלל נישט זיך צו קעגנשטעלן דערצו.

**סטעיט סענאטאר דזשעימס סקופיס האט געזאגט,** "די רייע בילס וועט באפולמעכטיגן איינוואוינער צו האבן א יושר'דיגע טשאנס צו באשיצן זייערע קאמיוניטיס פון אייגנטימער וועלכע טיילן נישט מיט זייער חזון פאר די מאביל היים פארקס, ווי אויך ווען זיי אויסשטעלן ציווילע קנסות צו זיין אין איינקלאנג מיט פעדעראלע רעגולאציעס. איך באדאנק גאווערנער האקול פארן אונטערשרייבן די ביל צו אוועקשטעלן א גערעכטע באלאנס צווישן די אינטערעסן פון די מאביל היים פארק אייגנטימער און די איינוואוינער וועלכע זוכן צו האבן אפאָרדעבעל, פארזיכערטע האוזינג."

**אסעמבלי מיטגליד פרעד טיעלע האט געזאגט,** "טויזנטע עלטערע בירגער, איינוואוינער וועלכע לעבן מיט א קביעות'דיגע איינקונפט און יונגע פאמיליעס זענען אנגעוויזן אויף מאביל היימער אלס א מקור פון אפאָרדעבעל האוזינג אריבער די סטעיט. היים אייגנטימער וועלכע וואוינען אין מאביל היים פארקס ליעסן די שטח אויף וועלכע זייער היים ליגט, און די מצב שטעלט זיי איין צו פאטענציאל אוועקגעשיקט ווערן אדער פון שלעכטע פארוואלטונג סטאנדארטן ווען זייער פארק ווערט פארקויפט. עס איז מיר געווען א פארגעניגן צו ארבעטן מיט סענאטאר סקופיס צו ברענגען די ביל צו אריבערגעפירט ווערן כדי צו פארשטערקערן די "ביל אָוו רייטס" פון מאביל היים אייגנטימער אונטער דעם ריעל פּראפּערטי געזעץ דורכן גיבן פאר די היים אייגנטימער די רעכט צו זיין די ערשטע צו אפקויפן די פארק אויב עס ווערט פארקויפט — אפגעזעהן פון אויב די צוועק פון די שטח ווערט געטוישט אדער נישט. איך אפלאדיר די גאווערנער'ס גינסטיגע שריט וואס וועלן יעצט גיבן פאר די איינוואוינער א שטארקע כלי זיך צו באשיצן פון נייע אייגנטימער וואס ווילן איבערנעמען זייער שטח און צונעמען די זיכערהייט פון זייערע קאמיוניטיס."

ביל S.7541/A.7403-A אויטאריזירט די ניו יארק סטעיט מארטגעדזש אגענטור ( State of New York Mortgage Agency, SONYMA) צו קויפן מארטגעדזשעס און אפפערן 'מארטגעדזש פּול אינשורענס' פאר צוזאמגעשטעלטע און מאביל הייזער — הייזער וואס באקומען געוועגטליך הלוואות אלס פערזענליכע פארמעגן און זענען דערפאר אפט נישט בארעכטיגט געווען צו באקומען SONYMA הלוואות און אינשורענס פאר די נייע ביל. די ביל ערמעגליכט פאר SONYMA צו צושטעלן קריטישע שטיצע פאר היים קויפער וועלכע פארלאזן זיך אויף צוזאמגעשטעלטע אדער מאביל הייזער אלס אפאָרדעבעל וועגן צו ווערן היים אייגנטימער.

**סטעיט סענאטאר ליראָי קאַמרי האט געזאגט,** "די פובליק אויטאריטעטן ביל וואס וועט אויסשטאטן די ניו יארק סטעיט מארטגעדזש אגענטור צו קענען קויפן מאביל און צוזאמגעשטעטע היימער מיט פערזענליכע הלוואות אנשטאט די געוועגטליכע מארטגעדזש וועט העלפן מאכן האוזינג און פארבינדענע קאסטן ווי אינשורענס מער צוגענגליך פאר פאמיליעס מיט נידעריגערע און מיטלמעסיגע איינקונפט וועלכע זוכן האוזינג אפציעס צו האבן א הויז פאר זיך אליין. איך בין שטאלץ צו האבן אריבערגעפירט די ביל צוזאמען מיט מיין קאלעגע, אסעמבלי מיטגלידערין קערען מעקמעהאן, אזוי ווי עס איז גאר וויכטיג צו אריינמישן אונזערע סטעיט אגענטורן אלס אקטיווע שותפים צו העלפן אדרעסירן די האוזינג קריזיס. איך

באדאנק גאווערנער קעטי האקול פארן ארויסווייזן איר איבערגעגעבנקייט צו איין-פאמיליע האוזינג לייזונגען דורכן ארייננשרייבן די ביל אין געזעץ היינט."

**אסעמבלי מיטגלידערין קערען מעקמעהאן האט געזאגט,** "דער נייער געזעץ, וואס גיבט פאר SONYMA די אויטאריטעט צו קויפן מארטגעדזשעס פאר צוזאמגעשטעלטע און/אדער מאביל היימער אלס פערזענליכע אייגנטום, וועט ערלויבן ניו יארקער מיט נידעריגע און מיטלמעסיגע איינקונפט צו באקומען הלוואות פאר אפארדעבעל האוזינג. די אסעמבלי איז איבערגעגעבן צו מאכן הייזער יושר'דיג און צוגענגליך פאר יעדן, אין ניו יארק'ס שטאטישע, סאָבאורבען און שטעטלישע קאמיוניטיס. איך באדאנק גאווערנער האקול פארן אונטערשרייבן די ביל און סענאטאר קאַמרי פארן אריבערטראגן די ביל אין די סענאט."

ביל S.7381/A.7422 רעכנט אריין עטליכע טעכנישע ענדערונגען צו ברענגן דעם ניו יארק סטעיט געזעץ צו זיין מער אין איינשטימונג מיט דעם פעדעראלן געזעץ אין באציאונג צו ציווילע קנסות ארום מאביל הייזער. עס טוישט די ווארט פאר א קנס פון "fine" צו "civil penalty", די ווארט "licenses" (לייסענסעס) מיט "certifications" (סערטיפיקאציעס) און די ווארט "article" (ארטיקל) מיט "title" (טיטל). עס ערזעצט אויך די ווערטער ארום ציווילע קנסות מיט "the maximum civil penalty" (די מאקסימאלע ציווילע קנס) אוועקגעשטעלט דורך די געזעצבוך פון פעדעראלע רעגולאציעס. מיטן דאס טוהן, העלפט די ביל פאררעכטן די אנדערע ווערטער וואס ווערן גענוצט אין סטעיט און פעדעראלע שפראך צו העלפן זיכער מאכן אז מאביל היימער ווערן פראדוצירט, אינסטאלירט און אויפגעהאלטן אויף א זיכערן פארנעם.

**אסעמבלי מיטגלידערין דידי בארעט האט געזאגט,** "מאביל היימער זענען אפט די איינציגסטע אפאָרדעבעל האוזינג און היים אייגנטימערשאפט געלעגנהייטן אין דיסטריקטס ווי מיין אייגענע און אריבער פיל פון ניו יארק סטעיט. איך באדאנק גאווערנער האקול אונטערשרייבן די קריטישע ביל וואס ברענגט סטעיט און פעדעראלע פאליסיס צו זיין אין איינשטימונג כדי צו בעסער אנטמוטיגן אויסנוצנדע אינוועסטירער און פירמעס, האלטנדיג די איינוואוינער זיכער."

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418

זיך ארויסשרייבן